בעזרת השם יתברך

# גליון קדושת בית המדרש

בענין מורא מקדש ושתיקה יפה בשעת התפלה

יוצא לאור
מדי חודש
בכל שבת מברכים

גליון קכג

שבת מברכים
שבט
תשפ"ה

לעילוי נשמתו הטהורה של עמוד צלותהון ובעותהון דישראל מופת הדור מרן קוה"ק הרה"ק מטאהש
רבינו **משולם פייש**
בן רבי מרדכי סג"ל וצירל
זכותו יגן עלינו ועכ"י

## יצחק, רעד שוין!!!

ווער עס איז דער באקאנטער משפיע פון ארץ ישראל, הרב דוד קלעצקין שליט"א, דארף מען פאר קיינעם נישט דערציילן, זיינע צענדליגע דרשות און סיפורים אויף די 'השגחה פרטית' האטליין, וואס דערקוויקן טויזנטער אידן איבער די וועלט, ווי אויך זיינע שטארק אויפגעכאפטע חיזוק שמועסן איבער שמירת עינים און נאך, זענען דברים ידועים, וואס טויזנטער אידן פון אומעטום האלטן מיט. אין זיין פערזענליכן לעבן איז ער באקאנט אלס איינער פון די נקיי הדעת שבירושלים וואס לעבט פון טוען חסד און מחיה זיין אנדערע אידן, דערצו איז ער אן אקטיווער מיטגליד אין די ירושלימ'ע חברה קדישא, זיך באשעפטיגנדיג מיט כבוד החיים והמתים, אזוי אז דער טאג דרייט זיך ארום חסד.

מיט בלויז געציילטע וואכן צוריק, אין די טעג נאך חנוכה היי-יאר תשפ"ה לפ"ק, האט ר' דוד איבערראשט א קבוצה אידן פאר וועמען ער האט אויפגעטראטן, ווען ער האט צווישן זיינע ווערטער געשילדערט א פחד פון א חלום וואס ער האט נארוואס איבערגעלעבט, און געבעטן מיט א קול רגש אז דער ציבור זאל אים מטיב זיין דעם חלום צום גוטן:

"ווי איר ווייסט אלע", האט ר' דוד אנגעהויבן מיט זיין הארצרייסנדע געשיכטע, ""געפינט זיך מיין טייערע זון, יצחק בן באשע לרפו"ש, אין א שווערע מצב די לעצטע תקופה. אנגעהויבן האט זיך עס ווען ער איז בערך א האלבע יאר צוריק געגאנגען ביינאכט צו א שמחה, און אויפ'ן וועג איז ער ל"ע געשעדיגט געווארן אין א שרעקליכע עקסידענט ווערנדיג אראפגעקלאפט דורך א שנעל פארנדע אויטא, ער איז געלעגן דעמאלטס א שטיק צייט בין החיים ובין ה.... ביז ברוב חסדי שמים האט ער זיך ארויסגעדרייט פון דעם פיזישן לעבנס געפאר, אבער אין די זעלבע צייט איז געבליבן אפגעהאקט זיין קאמיוניקאציע מיט מענטשן, ער האט נישט צוריקבאקומען דעם כח הדיבור, ער רעאגירט בלויז טיילווייז צו די ארומיגע, צומאל וועט ער מיטשאקלען די ליפן ווען מען זינגט אים א ניגון, אבער קיין ווארט ווערט נישט געהערט פון זיין מויל. ווי פארשטענדליך איז דאס גורם א שרעקליכע נפשיות'דיגע פיין פאר אים און פאר זיין ארומיגע וואס קוקן ארויס בכליון עינים צוריקצובאקומען זייער טאטע, מאן, זון, ברודער.

דערווייל געפונט זיך יצחק אין שפיטאל אונטער א שטענדיגע אויפזיכט פון דאקטורים און מומחים, ווערנדיג באגלייט פון נאנטע און באקאנטע, וואס מיט אן אויסטערלישע געטריישאפט - ווי ר' דוד ערוועגט - 'צופליקן' זיי זיך פאר אים, מען זיצט ביי זיין בעט און מען איז מתפלל פאר זיין גאנצע ערהוילונג. "איך אליין", זאגט ר' דוד, "בין שוין געווען מיט יצחק אין שפיטאל דורכאויס צען שבתים"...

שבת חנוכה איז א געשמאקע צייט צו פארברענגען מיט די פאמיליע, און אינדערהיים איז אלעמאל דאס בעסטע פלאץ דערפאר, זינט מיין חתונה בין איך נאך קיינמאל נישט געווען אפוועזנד פון דערהיים אויף שבת חנוכה. אבער איך האב געמאכט דעם חשבון אז ב"ה איך האב שוין מער נישט קיין קינדער אינדערהיים, דאקעגן מיין חתונה-געהאטע קינדער האבן דאך יא משפחות מיט קליינע קינדערלעך. אלזא אנשטאט זיי זאלן דארפן צושטערן זייער שבת און גיין ווייל אין שפיטאל ביי יצחק'ן, וועל איך מיט מיין בני בית נעמען די רייע פון דעם וואך, שבת חנוכה, און אריבערגיין זיין דארט אויף דעם שבת.

זיץ איך אזוי ביי זיין בעט דארט אין שפיטאל, "דעם שבת האט א ספעציעלע באדייט פאר יצחק", טראכט איך צו מיר, "עס ווערט היינט אכט און צוואנציג יאר פון ווען ער איז געקומען בבריתו של אברהם אבינו", נעמליך זיין ברית איז פארגעקומען געווי דעם טאג פון די דריטע חנוכה ליכטל...

איך זינג מיט אים די זמירות, און רעד צו אים, "יצחק, געב איך זיך א רוף אן, זאג עפעס",

אבער יצחק רעאגירט נישט, זיין 'תענית דיבור' האלט לײדער װײטער אן... נאכ'ן ענדיגן דעם סעודה דארט צווישן די שפיטאל ווענט מאך איך זיך א חשבון אז ווי נישט ווי, א גאנצע וואך קומט מיר נישט אויס צו שלאפן צופיל, מילד גערעדט, צוליב די ארבעט פון מסדר זיין לוויות, (אין ירושלים איז א נארמאלע ערשיינונג צו אפרעכטן טהרות אזוי שפעט ווי איינס-צוויי ביינאכט). אין א געוועגליכע שבת פיר איך זיך צו דאווענען ביי די ערשטע מנין כוותיקין, אבער דא אין שפיטאל איז נאר דא בלויז איין מנין פון ספרד'ישע אידן, וואס דער מנין דאוונט נישט אזוי פרי, וועל איך כאטש האבן די געלעגנהייט זיך עטוואס צו אויסרוען פון דעם גאנצן וואך, און זעקס אזייגער וועל איך אויפשטיין מיט פרישע כוחות זיך גרייטן צום דאווענען.

ווייניג האט ר' דוד געוואוסט אז אינצווישן וועט נאך פאסירן א געשעעניש, וואס וועט גענצליך אויפשאקלען און טוישן זיין לעבנס מיסיע...

צוויי אזייגער אויפדערנאכט האט זיך ר' דוד אויפגעכאפט מיט א בהלה, און מער האט ער שוין נישט געקענט צוריק איינשלאפן, אבער אזויפיל יא, ער האט פונקטליך געוואוסט וואס ער האט צו טוען.

אין חלום האב איך געזען, פארציילט ר' דוד. מיין טייערע זון יצחק, שטיין קעגן איבער מיר, נישט ליגן אין א שפיטאל-בעט, נאר שטייענדיג אויף די צוויי פיס געזונט און פריש, ער רעדט! ער גייט ארום!

מיט גרויס איבערראשונג און אינגאנצן מרוגש פרעג איך אים "יצחק! דו רעדסט?!" ענטפערט מיר יצחק די פאלגענדע ווערטער: "טאטע, דו ווילסט איך זאל רעדן? אז מ'וועט "נישט רעדן" ביים דאווענען, דאן וועל איך רעדן....!!"

רוף איך זיך אן צו אים מיט וואונדער, "יצחק, דו קענסט דאך מיר, ווער נאך ווי דו ווייסט ווי שטארק מען איז ביי אונז אין די משפחה מקפיד אויף קדושת בית המדרש, דו ביסט מיר חושד אין רעדן ביים דאווענען??"

האט מיר יצחק געענטפערט אין חלום, "טאטע, איך ווייס זייער גוט אז דו רעדסט נישט, אבער אין יענע און יענע שול (ער האט מיר אויסגערעכנט עטליכע בתי מדרשים מיט די נעמען, ווי א טייל פון אונזערע משפחה מיטגלידער דאווענען) אויף די לעצטע טיש, דארט רעדט מען אינמיטן דאווענען, און ביי שול פלוני הערט מען אראפ פון די ווייבער שול רעדן בשעת די תפילות", און אזוי האט ער מיר אויסגערעכנט בפרטיות עטליכע בתי מדרשים, וויאזוי מען איז דארט מזלזל אין קדושת בית המדרש"...

אין חלום קען דאך אלעס זיין, האב איך געזען פאר מיר די בתי מדרשים לעבעדיג, און ער ווייזט מיר אן גענוי וואו מען רעדט ביים דאווענען, און וואו מען טוט גרינגשעצן די קדושה פון בית המדרש.

דא האט ער אויסגעפירט מיט א שטייפע שטימע, כמעט שרייענדיג: "רעד אז מען זאל נישט רעדן ביים דאווענען - וועל איך אנהייבן רעדן."

ביי דעם פונקט האב איך זיך אויפגעוואכט אין א בהלה.

**"ווי איר ווייסט אלע", האט ר' דוד אנגעהויבן מיט זיין הארצרייסנדע געשיכטע, ""געפינט זיך מיין טייערע זון, יצחק בן באשע לרפו"ש, אין א שווערע מצב די לעצטע תקופה...**

דאס איז מיר געווען א גרויסע איבערראשונג, פארציילט ר' דוד. איך בין נישט געוואוינט אז מיינע קינדער זאלן אויף מיר שרייען, ב"ה זיי זענען אלע דרך ארץ'דיגע און איידל, אבער דא איז עס ווייזט אויס געווען א הימל מעסעדזש, עפעס וואס האט געמוזט אנקומען צו מיר אזוי שטרענג.

די זייגער האט נאך געקלאפט אויפן נומער צוויי, אבער מער האט זיך ר' דוד שוין נישט געקענט צוריקלייגן יענע נאכט, (עס איז געווען פרשת מקץ, און לויט ווי ר' דוד צייגט אן דארף מען זיין א פרעה זיך צוריקצולייגן נאך אזא חלום און מקיים זיין דעם וישן ויחלום שנית...).

"אלזא טייערע אידן", פירט ר' דוד אויס "געשטיקט מיט טרערן" פון א טאטע צו א זון וואס ליגט נעבעך מדוכא ביסורים און בעט זיך פאר הילף: "מיין זון יצחק בעט זיך פאר מיר, אז מען וועט נישט רעדן ביים דאווענען וועל איך אנהייבן רעדן, ער וויל אזוי שטארק צוריק צו גיין צו נארמאלע לעבנס שטייגער, צו זיין געטרייע משפחה, צו זיינע דריי קינדערלעך וואס קוקן ארויס אויף א געזונטע טאטע זאל זיי ערציען".

"איך בין זיכער" פירט ר' דוד אויס, "אז אויב וועט זיין אן התעוררות און אידן וועלן נישט רעדן ביים דאווענען, וועט דאס זיין די בעסטע הטבת חלום און מיין באליבטער זון יצחק וועט געזונט ווערן און אנהייבן רעדן, עס וועט זיין 'חלמא טבא חזינא'".

עס איז צום האפן אז מיט'ן אראפברענגען די שורות דא אין אונזער גליון, וועט דאס ברענגען א גרויסע התעוררות אין דעם הארבן ענין, וואס וועט זיין א זכות פאר יעדן פאר זיך אליינס און פאר יצחק בן באשע ה' ירפאהו ויחלימהו. אזוי אז בקרוב זאל מען קענען ברענגען די פריידיגע אויספיר פון דעם מעשה, ווען און זכות פון די פילצאליגע אידן וואס וועלן זיך מחזק זיין 'נישט צו רעדן' ביים דאווענען, וועט ר' דוד'ס זון זיכער אנהייבן 'יא רעדן', און זיין ווייטער א געזונטע טאטע און ראש המשפחה לאורך ימים ושנים.

ווי די ספרים הקדושים טייטשן "ה' ילחם לכם ואתם תחרישון", אויב שווייגט מען ביים דאווענען, דעמאלטס איז ה' ילחם לכם, האלט דער אויבערשטער מלחמה פאר כלל ישראל, צו באקעמפן אלע מקטריגים און שלעכטע גזירות, און עס קומט אראפ ישועות ורפואות פאר כלל ישראל!


צו באקומען דעם גליון פאר אייער ביהמ"ד שיקט אריין אייער אינפארמאציע צו:
yisroel@delsangroup.com

אלע מעשיות זענען אמת'ע און באשטעטיגטע געשיכטעס וואס האבן ווירקליך פאסירט. איר קענט אויך איבערגעבן מעשיות וואס האבן ביי אייך פאסירט, אדער וואס איר האט געהערט פון א גוטן, פארלעסליכן מקור און מיר וועלן דאס בע"ה מפרסם זיין.

איבערצוגעבן פארן גליון מאמרים והערות, ביטע רופט:
514.967.2434

אויב איר ווילן נעמען א טייל אין די גרויסע זכי' צו מפרסם זיין אונזער גליון, ערלויבן מיר דאס נאכדרוקן און פאר־שפרייטן אין ארגינעלן פארמאט לזכות את הרבים. ולמצוה גדולה יחשב!